בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

במדבר
ב' סיון תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:08 |
| מוצש"ק | 8:26 |
| ר"ת | 9:01 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:10 | סוז"ת א' | 9:39 |
| סוזק"ש ב' | 9:03 | סוז"ת ב' | 10:14 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': פה
שנה ב'

## טיב המערכת

### לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם

עס איז אמאל געווען א מענטש, וועלכער האט זייער שטארק ליב געהאט דעם קעניג, און האט זייער געוואלט זען דעם ליכטיגן געזיכט פונעם קעניג, נאר וויבאלד ער איז געווען א פשוט'ער מענטש האט ער נישט געוואוסט וויאזוי ער וועט קענען האבן די זכיה אים צו זען. איין טאג, האט דער מענטש אויסגעטראפן אז אינעם פאלאץ פונעם קעניג זוכט מען איינער וואס איז א מומחה צו הייצן אויוונס, איז ער געגאנגען דארט און זיך מציע געווען פאר די ארבעט, און ווען ער איז אנגענומען געווארן האט ער עס געטון מיטן גאנצן הארץ און אריינגעלייגט אלע זיינע כוחות כדי עס זאל זיין נישט צו הייס און נישט צו קאלט. ווען דער קעניג האט געבעטן אז מען זאל אים ערקלערן פארוואס איז דא לעצטנס אזוי פיין ווארעם אין פאלאץ, האט מען אים געזאגט אז עס איז אנגעקומען א נייער ארבעטער וועלכער האט זייער ליב דעם קעניג, און ער שטרענגט זיך אן אז עס זאל אלעמאל זיין באקוועם אין פאלאץ, נישט צו הייס און נישט צו קאלט. האט דער קעניג אים געשיקט רופן, און אים געפרעגט: וואס איז דיין פארלאנג, און איך וועל עס טון פאר דיר. האט דער קנעכט געזאגט: איך וויל גארנישט, נאר דאס, אז מען זאל מיר מאכן א קליין פענסטערל אינעם צימער פון דער קעניג, וואס דורך איר וועל איך קענען זען דעם ליכטיגן געזיכט פונעם קעניג ווען מיין הארץ וועט גלוסטן.

ווען דער קנעכט איז געווארן עלטער, האט ער געזוכט איינער וואס זאל איבערנעמען זיין פאסטן און עס טון מיטן זעלבן געטריישאפט פארן קעניג, ער האט אבער נישט געטראפן קיינער וואס זאל זיין פאסיג דערצו מיט א שטארקן ליבשאפט צום קעניג. דעריבער האט ער באשלאסן אז ער דארף חתונה האבן און געבוירן א זון וועלכער זאל ירש'נען פון אים דאס ליבשאפט צום קעניג, פון יונגווייז אן, און ווען ער וועט ווערן גרויס וועט ער קענען געטריי באדינען דעם קעניג.

אט דער משל האט דער הייליגער "צבי לצדיק" פון בלאזשוב זי"ע, דערציילט ביי די חתונה פון זיין זון, און ער האט געזאגט צו אים: וויסן זאלסטו מיין זון, אז דער גאנצער ענין וואס מען האט חתונה איז כדי מען זאל זיין ווייטער ציען די דורות פון כלל ישראל, דורכן ברענגען קינדער אויף דער וועלט און זיי איבערגעבן די געפילן און באגריפן פון עבודת השי"ת.

דער אויבערשטער באפעלט צו משה רבינו 'שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם', דארף מען פארשטיין, פארוואס איז אזוי וויכטיג אז יעדער איינער זאל זיין פארשריבן 'לבית אבותם', איז דען נישט מעגליך אז אלע אידישע קינדער זאלן געציילט ווערן אלס איין נומער?

אבער לויט דעם אויבנדערמאנטן משל פארשטייט מען גוט, וויבאלד דער גאנצער ענין פון לימוד התורה איז 'לבית אבותם' אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך', איבערהויפט אין דער יעצטיגער צייט וואס חז"ל זאגן דאך 'ביום חתונתו זה מתן תורה', זעט מען דאך אז דער צייט פון מתן תורה איז א צייט וואס איז ספעציעל פאסיג פארן מחנך זיין די קינדער און זיי מנחיל זיין די תורה אויפן וועג וואס מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע עלטערן, און זיי לערנען אז זיי זאלן אויך גיין אויפן וועג פון משפחותם לבית אבותם, און זעלבסטפארשטענדליך אז מיר זאלן זיך אויך אליין מחזק זיין צו גיין אין די וועגן פון אונזערע עלטערן, וועלן מיר זוכה זיין אז 'ונהיה אנחנו וצאצאינו לומדי תורתך לשמה'.

(עפ"י טיב התורה – במדבר, וטיב המועדים שבועות)

## טיב הפרשה

# למשפחותם ולבית אבותם
# דער וועג צום אמת איז מיט זיין דבוק אין מסורת אבות

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר איבער די באפעל וואס די תוה"ק האט געגעבן אז מען זאל ציילן יעדן איד.

די לשון וואס די תוה"ק נוצט ווען ער רעדט פון די מצוה פון ציילן איז די ווערטער 'שאו את ראש כל עדת בית ישראל למשפחתם לבית אבותם'.

עס קען זיין אז אין איר איז מרומז א שטארקער רמז וואס איז נוגע צו עבודת ה'. מיר ווייסן אז אין אלע דורות האט מען זייער שטארק מחשיב געווען די דביקות אין די מסורת אבות, אז ווער עס איז אנגעבינדן אין איר בלייבט ערליך, אבער ווער עס רוקט זיך אפ פון איר, קען חלילה פארפאלן ווערן.

די תורה הק' רעדט דא צום כלל ישראל און זאגט איר 'שאו את ראש כל עדת בני ישראל' אז אויב מען וויל זיך דערהייבן אין עבודת ה' איז די עצה 'למשפחתם ולבית אבותם' אז מען זאל זיך מתדבק זיין אין די מסורה, אין די וועגן וואס מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע עלטערן און וועגווייזער, ווייל נאר אז מען גייט אין זייערע וועגן איז מען פארזיכערט אז מען וועט נישט אוועקפאלן פון דעם אמת'ן און ריינער וועג.

עס קען אויך בדרך אפשר זיין אז צוליב דעם איז די מצוה פון 'כיבוד אב ואם' א טייל פון די עשרת הדברות, די תורה שטעלט עס אריין אין די צען דברות און לייגט אים נאנט צו די יסודות פון די אמונה, ווייל דער גיין אין די וועגן פון די הייליגע אבות איז א טייל פון די יסודות האמונה פון א איד און העלפט אים צו בלייבן צוגעבינדן צו די הייליגע וועגן.

אז מען האלט זיך געבינדן צו די מסורה איז מען אויך זוכה צו דער פסוק 'והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם' אז מען קען זיך אנקלעבן אין די ערליכע און ריינע וועגן וואס זענען נוגע צו עבודת ה'.

מיט דעם יסוד קען מען אויך מפרש זיין בדרך רמז דער המשך פון דעם

>>> | המשך אין עמוד ב' |

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

פסוק 'מבן עשרים שנה ומעלה כל יוצא צבא בישראל תפקדו אותם לצבאותם'.

כידוע באהאלטן זיך אין די ווערטער גרויסע סודות התורה, אבער בדרך רמז קען מען אויך זאגן אז די פסוק רעדט פון די מלחמת היצר. ווען מען וועט מאכן א חשבון וועלכע יארן זענען די שווערע יארן פאר א איד ווען ער לייגט אריין די עיקר הארוואניע אז זיינע קינדער זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן, וועט מען זען אז עס הייבט זיך אן אין די פריע צוואנציגער יארן און עס ענדיגט זיך ביי די זעכציגער יארן.

אין די יארן האט דער מענטש א גרויסע עבודה. זיין קאפ און זיין מח דארף ער אריינלייגן אין ערציען די קינדער. צומאל וועט א מענטש שפירן אז די עול וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף זיינע פלייצעס איז צו שווער, ער וואונדערט זיך אליין ווי אזוי וועט ער קענען באווייזן אזא קאמפליצירטער זאך, וועלכע מיטל וועט אים פארזיכערן אז ער זאל קענען מצליח זיין אין זיין עבודה? בפרט אין אזא שווערע וועלט? אויף דעם קומט די תוה"ק צוגיין און ענטפערט זיין שאלה.

ער ווייזט אן אז די עצה ווי אזוי מען קען מצליח זיין 'מבן עשרים שנה ומעלה' איז דורך "ואתכם יהיו איש איש למטה איש ראש לבית אבותיו הוא" אז מען וועט זיך האלטן 'לבית אבותיו' וועט מען קענען מצליח זיין אויפצושטעלן אן אידישער שטוב, ווייל נאר דאס גאראנטירט א איד אז ער וועט בלייבן ערליך און אויף די ריכטיגע שינעס.

דער געדאנק ווערט אויך געברענגט פון דער אר"י הק'. בשמו זאגט מען נאך אז ער פלעגט זאגן אז יעדער שבט פון דעם כלל ישראל האט זיך זיין אויסגעטרעטענער וועג און דורך די וועג קען ער אנקומען, אבער ווי אזוי קען א איד וויסן פון וועלכער שבט ער איז און פון וואו ער שטאמט און וואספארא עבודה עס פאדערט זיך פון אים? נאר אז ער גייט אין די וועגן פון זיינע עלטערן קען ער זיין זיכער אז ער גייט ריכטיג.

דער יסוד פון לעבן מיט א שטארקע אנגעבינדענקייט מיט די אמאליגע דורות דארף מען אויך שטארק אריינבאקן אין די קינדער פון קליינוויז אן. א קינד דארף וויסן ביי זיך אז אן ערליכער איד קען מען נאר זיין אז מען גייט אין די וועגן פון די אבות הק', אז אן זיין דבוק אין די וועגן פון אונזערע זיידעס קען מען נישט אנקומען אין ערגעץ, ווייל נאר אז מען האלט זיך צו די ערליכע מסורה, קען מען בלייבן ערליך און אויסשטייגן אפגעהיטן און ערליך.

אויך די פליכט וואס ליגט אויף יעדן איינעם פון אונז אריינצובראקן די נקודה אין אונזערע קינדער איז מרומז אין די פרשה. אין פסוק שטייט ואת כל העדה הקהילו און שפעטער שטייט ויתילדו על משפחותם לבית אבותם. דאס קומט מרמז צו זיין אז שוין פון קליינוויז אן דארף די נקודה אריינגיין שטארק אין זיי, אז מיר גייען אין אן אויסגעטרעטענער וועג און אז מען רירט זיך נישט אוועק פון איר, ווייל נאר אזוי קען מען בלייבן ערליך און אפגעהיטן.

אז מען וועט דאס אריינלייגן אין די קינדער וועט מען האבן א הצלחה אין חינוך און ווי מען דערציילט אז א איד איז אמאל געקומען צוגיין צום קאצקער רבי זי"ע און געבעטן א ברכה ער זאל זען נחת ביי זיין קינד.

דער קאצקער האט אים אנגעקוקט פארוואונדערט זאגנדיג ווי אזוי קען מען געבן פאר א איד אזא ברכה? עס איז דומה צו איינער וואס זייעט איין אין זיין פעלד קארטאפל און שפעטער בארעכנעט ער זיך אז ער וויל אז דא זאל ארויסקומען עפל און ער קומט בעטן א ברכה פאר'ן צדיק אז פון די קארטאפל זאל ווערן עפל.

"וואס מען האט איינגעפלאנצט דאס נעמט מען ארויס....".

אז מען וועט אריינלייגן אין די קינדער ערליכקייט און ריינקייט און א דביקות אין די וועגן פון אונזערע אבות וועט מען זוכה זיין צו זען ערליכע דורות.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל קענען איינפלאנצן די נקודה אין אונזערע קינדער און זוכה זיין אויפצושטעלן ערליכע דורות און קענען גיין משיח צדקנו מיט זיי במהרה בימינו.

## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# די מעשה האט ממשיך געווען די ישועה

אין א מזל'דיגע שעה האב איך געשלאסן א שידוך.

נאכ'ן שידוך שליסן פרעגט מיר דער שדכן ווען קען ער קומען נעמען שדכנות געלט?

"קום מוצאי שבת".

מיין בני בית איז געשטאנען דערביי. הערנדיג ווי כ'רעד פון מוצאי שבת האט זי נישט געקענט פארשטיין פארוואס עפעס האב איך א זאג געגעבן מוצאי שבת, וואספארא פלענער האב איך צו פארדינען געלט מוצאי שבת.

זעענדיג איר וואונדער האב איך איר דערציילט די פאלגענדע מעשה וואס עס האט פאסירט ביי דעם גרויסן און הייליגן צדיק הרה"ק רבי שלומ'קע זוועהילער זי"ע.

איין פרייטאג נאכמיטאג האט זיך א חסיד אראפגעלייגט שלאפן אנצושעפן כוחות פאר שבת קודש. אזוי איינדרימלנדיג חלומ'ט ער זיך וואו ער איז אין שטוב פון זיין רבי'ן און מען גרייט זיך אויף שבת קודש אבער מען קען נישט אריינברענגען שבת אין שטוב, ווייל עס איז נישט דא קיין ליכט אין שטוב.

דער חסיד האט גענומען די חלום ערנסט און איז אריבער צום רבי'ן אין שטוב מיטשלעפנדיג ליכט אויף שבת.

גייענדיג אויפ'ן וועג האבן זיך די צווייפעלנישן אריינגעכאפט ביי אים אין קאפ טראכטנדיג וואס טוט ער? וואס וועט ער טון אויב דער רבי האט יא ליכט, וואספארא פנים וועט ער האבן אז ער גייט נאך א חלום.

אנקומענדיג נעבן שטוב האט ער געהערט ווי די רעביצין פרעגט פאר'ן רבי'ן וואס וועט זיין מען דארף דאך האבן ליכט אויף שבת? הערנדיג די פראגע האט ער גלייך אריינגעקלאפט און איבערגעגעבן די ליכט אויף שבת.

"זעסט"? האט דער הייליגער צדיק געזאגט פאר זיין בני בית.

"איך האב דיר געזאגט אז אין די מינוט וואס מיר וועלן דארפן ליכט – וועט הקב"ה שיקן ליכט אויף שבת".

איך האב געענדיגט די מעשה און געהאפט אז מיט די מעשה וועל איך קענען ממשיך זיין א ישועה. עס איז נאך געווען ערב שבת ווען מיטאמאל הערט זיך א קלאפ אין טיר, ביים שוועל שטייט מיינער א באקאנטער פון אויסלאנד. מיר האבן זיך באגריסט. איך האב אים דערציילט אז כ'האב געטון א שידוך, ווי נאר ער האט עס געהערט, האט ער ארויסגענומען פון טאש אפאר באנקנאטן און עס מיר געגעבן.

די סומע איז געווען גענוג צו דעקן די שדכנות קאסטן, און די סיפור האט ממשיך געווען די ישועה.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: הרב י.מ.מ.]




...פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

ארום פיר הונדערט יאר צוריק, איז געווען דער רב פון די שטאט קראקא, דער באוואוסטער וואונדערליכער גאון און צדיק רבי נתן נטע שפירא זי"ע, בעל "מגלה עמוקות". אין זיינע צייטן איז קראקא געווען אן עיר ואם בישראל, פול מיט חכמים וסופרים. מיט דער צייט, ווען דער הייליגער מגלה עמוקות האט געזען אז דאס פאָסטן נעמט צו פון אים אסאך צייט, און שטערט אים פון לערנען און פון מחבר זיין זיינע הייליגע ספרים, האט ער באשלאסן זיך אריבערצוציען צו א קלענערע שטאט, וואו ער וועט קענען זיצן רואיג. האט ער געשיקט עטליכע פון זיינע הייליגע תלמידים, אז זיי זאלן אויסזוכן פאר אים א פאסיגע רבנות שטעלע אין א קליינע און רואיגע שטעטל.

עס האט נישט געדויערט לאנג און מען האט געטראפן א פאסיגע שטעטל, וועלכע האט געזוכט א רב וואס איז א גרויסער תלמיד חכם און בעל שיעור קומה. נאכן גוט אויספרעגן אלע איינצלהייטן האט דער הייליגער מגלה עמוקות צוגעשטימט אריבערצוגיין וואוינען דארט און דינען אלס זייער רב. עס איז באשטימט געווען אז אין א האלבע יאר ארום וועט דער צדיק זיך אריבערציען דארט אין יענעם שטעטל.

עטליכע וואכן זענען דורכגעגאנגען, און איין טאג זענען צוויי אידן געקומען צו א דין תורה אינעם גרויסן בית דין פון קראקא. איינעם פון זיי האט דער רב גוט געקענט, דאס איז געווען דער 'ראש הקהל' פון קראקא, וועלכער איז געווען זייער א מכובד'יגער און חשוב'ער מענטש. דער צווייטער איז געווען א 'געווענליכער' יונגערמאן, וועמען דער רב האט נישט געקענט.

דער ראש הקהל איז צוגעקומען, און גענומען פאָרלייגן זיין טענה, און האט אנגעהויבן דערציילן ווי פאלגנד:

דער יונגערמאן וועלכער שטייט דא נעבן זיי, האט זיך א לאנגער צייט מפרנס געווען פון באקן און פארקויפן בייגל אין פארנט פונעם גרויסן שול אין קראקא. ווען די מתפללים זענען ארויסגעקומען פון שול נאכן דאווענען שחרית, האבן זיי געקויפט ביי אים פון די געשמאקע בייגל, און פון דעם האט ער געצויגן זיין פרנסה א לאנגע צייט. איין טאג האט דער ראש הקהל אליין געדארפט האבן עטליכע בייגל, און וויבאלד ער איז געווען א חשוב'ער תלמיד חכם, זענען ערוועקט געווארן ביי אים עטליכע ספיקות אין די הלכה פון די ברכה אויף די בייגל. איז ער צוגעגאנגען צום יונגערמאן וואס האט

# עמלים בתורה

**"צבי וחמיד ודגיג דילאון בלעותא – צלותהון בכן מקבל והניא בעותא"** (פיוט 'אקדמות' לחג השבועות).

**און דער "מטה לוי" איז מפרש, אז דאס מיינט אז דער אויבערשטער וויל און גלוסט אז אידישע קינדער זאלן זיך פלאגן אין די תורה, און דערפאר איז ער מקבל זייער תפילה און זייער תפילה העלפט.**

פארקויפט די בייגל, און האט אים געבעטן אז ער זאל אים זאגן מיט וואס מען מאכט די בייגל און וויאזוי מען באקט עס, כדי צו באשטימען וועלכע ברכה מען זאל מאכן דערויף.

דער יונגערמאן האט אים אלעס קלאר ערקלערט, און פארענטפערט זיינע ספיקות, און אזוי שמועסנדיג מיט אים האט דער ראש הקהל געזען אז אין פארנט פון אים שטייט א געוואלדיגער תלמיד חכם און בר אוריין, וואס איז בקי בחדרי תורה, זעענדיג ווי ער געבט אים אלעס קלאר צו פארשטיין מיט א געוואלדיגע קלארקייט, דבר דיבור על אופניו.

דער ראש הקהל האט גלייך באשטימט, אז עס פאסט נישט פארן כבוד התורה און פארן כבוד פון די שטאט קראקא, אז אזא חשוב'ער תלמיד חכם זאל שטיין און פארקויפן 'בייגל'... האט ער געפרעגט פארן יונגערמאן: וויפיל געלט פארדינסטו יעדן טאג פון פארקויפן די בייגל? בערך 'פינף זלאטעס'! האט דער יונגערמאן געענטפערט. האט דער ראש הקהל געזאגט צו אים: פון היינט און ווייטער, זאלסטו אויפהערן צו פארקויפן בייגל, נאר דו וועסט זיצן אין בית המדרש און עוסק זיין אין די תורה הקדושה ווי דיין באגער, און איך וועל דיר באצאלן טאפלט – 10 זלאטעס פאר יעדן טאג!

דער יונגערמאן האט מסכים געווען, און א 'יששכר-זבולון' אפמאך איז צושטאנד געקומען צווישן זיי. א שטיק צייט שפעטער האט דער ראש הקהל געדארפט ארויספארן אין וועג צוליב זיינע פארצווייגטע געשעפטן. איידער ער האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג, האט ער איבערגעלאזט א שיינער סומע געלט פארן יונגערמאן, כדי ער זאל האבן גענוג געלט פאר די גאנצע צייט ביז ער וועט צוריקקומען.

אבער ווען דער ראש הקהל איז צוריקגעקומען פון זיין נסיעה, האט ער צו זיין גרויס וואונדער געזען ווי דער יונגערמאן שטייט ווייטער אינעם הויף פונעם בית המדרש און פארקויפט די זעלבע באקאנטע בייגל. ער איז געווארן זייער צארנדיג, און שטרענג אנגעשריגן דעם יונגערמאן: מיר האבן דאך אפגערעדט אז מען פארקויפט מער נישט קיין בייגל!

איך וויל נישט ווייטערגיין מיטן געשעפט! – האט דער איידעלער יונגערמאן דער צדיק תמים געענטפערט.

אבער פארוואס? – האט דער ראש הקהל גע'טענה'ט – איך געב דיר דאך טאפלט פון וויפיל דו פארדינסט פון פארקויפן די בייגל!

"צוליב א באהאלטענער טעם"! – האט דער יונגערמאן געזאגט, אן צו ערקלערן...

דער ענטפער פונעם יונגערמאן האט נישט מוצא חן געווען ביים ראש הקהל, און דערפאר האט ער אים געלאדנט צום דין תורה ביים גרויסן מרא דאתרא, בעל מגלה עמוקות זי"ע.

ווען דער ראש הקהל האט געענדיגט רעדן פארן בית דין, האט דער הייליגער מגלה עמוקות געפאדערט פונעם יונגערמאן צו אנטפלעקן זיין באהאלטענעם טעם, פארוואס ער איז נישט מסכים צו אזא געלונגענע געשעפט, פון וואס ער קען אזוי שיין פארדינען.

נישט האבנדיג קיין אנדער ברירה, האט דער יונגערמאן פארציילט פארן רב: ביים פארקויפן די בייגל שפיר איך א געוואלדיגער נאנטקייט צום אויבערשטן און א דביקות צו די שכינה, וויבאלד יעדער נאכט נאכן אפרעכטן 'תיקון חצות' הייב איך אן מיטן קנעטן די טייג, און וויבאלד דאס פרנסה פון מיין הויזגעזינד און פון מיינע קינדערלעך נעם איך דאך פון אט די בייגל, גיס איך אויס א הארציגע תפילה פארן אויבערשטן, אז דער טייג זאל אויסקומען גוט און האבן א געשמאקער טעם. דערנאך ווען איך שטעל אויס דער פאָרעם פון די בייגל, בעט איך השם יתברך אז זיי זאלן געפינען חן אין די אויגן פון די קויפער. ווייטער, ביים אריינלייגן די בייגל אינעם אויוון ווין איך און איך בעט זיך ביים אויבערשטן אז זיי זאלן גוט אויפגיין און זיך גוט אפבאקן, און אויך ביים אויסלייגן די בייגל איבער די טישן צום פארקויפן, בין איך מתפלל אז עס זאל ווערן געקויפט דורך גוטע קונים. אזוי קומט אויס אז דורכאויס די גאנצע צייט בין איך מקושר צום מלך מלכי המלכים דורך די הארציגע תפילות וואס איך בין מתפלל. און יעצט, ווען איך באקום גרייט מיין פרנסה פון אונזער ראש הקהל,

המשך אין עמוד ד' |>

דארף איך שוין נישט אזוי שטארק אנקומען צו די תפילות און תחינות, און דורכדעם בין איך דערווייטערט געווארן פונעם אויבערשטן, און דעריבער וויל איך מער נישט פארזעצן מיטן געשעפט...

דער הייליגער מגלה עמוקות איז געוואלדיג נתפעל געווארן פון אט דעם דערהויבענעם יונגערמאן, און נאך אט דעם וואונדערליכן 'דין תורה', האט ער געטוישט זיין החלטה וואס ער האט געמאכט צו פארלאזן דעם שטאט, ערקלערנדיג אז אויב זעען אזוי אויס די פשוט'ע יונגעלייט פון קראקא, וועלכער פארקויפט בייגל, וויל ער נישט אפלאזן די שטאט...

די פריערדיגע חסידים פלעגן מפרש זיין די מעשה, אז וואס עס האט אויסגעפעלט פאר אט דעם קראקעווער יונגערמאן, איז געווען דער ליכטיגקייט פון חסידות וואס דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט געמאכט שיינען אויף דער וועלט בערך צוויי הונדערט יאר שפעטער! ווייל דער הייליגער בעל שם טוב האט מגלה געווען דעם זיסן אינערליכן ליכטיגקייט וואס איז דא אין די תורה, וואס דורכדעם קען מען נתקרב ווערן מיטן דביקות אלקים חיים דורכן לימוד התורה זעלבסט, און אפילוביים לערנען "שור שנגח את הפרה" (ב"ק מו.) קען מען האבן דביקות אין די שכינה, אזוי ווי דער הייליגער בעל שם טוב האט אונז געלערנט כידוע. – און אויך ביים עוסק זיין אין די הייליגע תורה איז דא גענוג וואס זיך צו בעטן פארן הייליגן באשעפער, און עס פעלט נישט אויס דערפאר צו פארקויפן בייגל... און וויבאלד "אורייתא קודשא בריך הוא וישראל כולא חדא" (זוה"ק אחרי דף עג.) איז דאך נישטא קיין גרעסערע דביקות בשכינה ווי דאס! זע נפש החיים (שער ד פ"ז ואילך).

און דאס קומט "להוציא מדעתו" פון יענעם למדן, וואס נאכן הערן אמאל א שארפער שמועס פון איינער פון די גדולי החסידות איבער דאס דביקות בשכינה און מאכן נחת רוח פארן אויבערשטן, האט ער ערקלערט אז ער האט נישט קיין צייט פארן אויבערשטן... וויבאלד ער איז באשעפטיגט דורכן גאנצן טאג ביז איבערן קאפ! ווייל גלייך נאכן אויפשטיין אינדערפרי לויפט ער צום דאווענען שחרית, און גלייך דערנאך האט ער א חברותא פאר עטליכע שעה אינעם לימוד העיון, דערנאך אין שולחן ערוך און אין זוהר הקדוש, און ביים סוף פונעם טאג לערנט ער אביסל מוסר, אזוי אז עס בלייבט אים נישט קיין צייט פארן אויבערשטן...

[קובץ "פרטיות" – שיחה 23 עמ' 111]

->•<-

אין די שטאט "לעיקוואד" וואס געפינט זיך אין ניו דזשערסי אין די פאראייניגטע שטאַטן פון אמעריקע, האט געוואוינט זייער א פארמעגליכער איד וועלכער איז געווען א גרויסער סוחר, און זיין עיקר האנדל איז געווען אין די בערזע און אין די 'שערס' [מניות]. למעשה איז ער געווען איינער פון די גרעסטע עשירים אינעם יהדות החרדית פון אמעריקע, ווען דאס מערסטן טייל פונעם טאג האט ער געוויילט אינעם אינטערנאציאנאלער האנדל צענטער אין מאנהעטן, וואו ער איז אנגעקומען טעגליך מיט זיין פריוואטער פליגער, און אין אוונט האט ער געהאט א חברותא פאר צוויי שעה אין די הייליגע ישיבה 'תורה ודעת' אין לעיקוואד, וואו ער האט עוסק געווען אין די הייליגע תורה מיט התלהבות און שמחה, אזוי ווי א יונג בחור'ל, פול מיט פרישקייט.

איינמאל איז די ישיבה אריין אין שווערן פינאנציעלן מצב, און מען האט געדארפט האבן אסאך געלט כדי ארויסצוגיין פונעם ענגשאפט. וויבאלד מען האט געדארפט האבן א ריזיגן סכום 'מזומנים', האט מען געבעטן פארשידענע מענטשן ארויסצוהעלפן דערמיט, און צווישן זיי האט מען אויך געבעטן 'אונזער' עושר, וועלכער איז געווען פון די עמודי התווך מיטן אויסהאלטן די ישיבה, צי ער וואלט געקענט פארגרעסערן זיין שטיצע צו די ישיבה אין אט די תקופה. האט דער עושר געטראכט וויאזוי ער וועט קענען ראטעווען די ישיבה, און ער איז אנגעקומען צו די מסקנא, אז אויב ער וועט ארבעטן אביסל מער שעות אין טאג, וועט ער קענען פארדינען מער געלט און אזוי וועט ער קענען מער שטיצן די ישיבה.

איז דער איד אריינגעגאנגען צום גרויסן ראש ישיבה, הגאון הגדול רבי אהרן קאטלער זצ"ל, און געלייגט פאר אים די צדדי הספק. היות אז דער מצב הגשמי פון די ישיבה איז נישט לייכט, און מען דארף יעצט האבן א ריזיגע סומע געלט כדי צו דעקן דעם בודזשעט, און דעריבער איז דא א מעגליכקייט אז דורכאויס די יעצטיגע תקופה וועט ער בלייבן נאך צוויי שעה יעדן טאג אין די בערזע אין מאנהעטן, און ער וועט פארציכטן אויף זיין לערנען אין ישיבה ביי 'סדר שלישי', כדי צו ראטעווען די ישיבה! – דער גביר האט אויך צוגעלייגט א 'לומד'ישע' סברא, וויבאלד חכמינו ז"ל זאגן דאך (מנחות צט.) אז אמאל איז "ביטולה של תורה זהו קיומה"! און וויבאלד עס איז דאך נישטא קיין סוף צו דעם שכר וואס איז באהאלטן פאר תלמוד תורה דרבים, און נאכדערצו פאר אזא ריזיגער מקום תורה וואו די ישיבה פון לעיקוואד! קומט דאך אויס, אז אויב ער וועט יעצט ברענגען מער געלט כדי צו קענען האלטן די ישיבה, וועט זיין שכר זיין אסאך גרעסער ווי אויב ער וועט אליין זיצן און לערנען אין אט די צוויי שעה!

האט אים רבי אהרן געענטפערט מיט זיין באוואוסטע געוואלדיגע פקחות: וועגן דער שכר פונעם עולם הבא, גיי איך נישט אריין מיט אייך בפלפולא דאורייתא, וועלכע וועט זיין גרעסער. אבער לגבי חיי העולם הזה, דאס איז קלאר, אז אויב איר וועט מבטל זיין די איינציגע צוויי שעה אין טאג וואס איר לערנט און איר פלאגט זיך אין די תורה הקדושה מיט א געהויבענעם תענוג, וועט אייער לעבן נישט זיין קיין לעבן! אויב איר וועט אויך די צוויי שעה נישט לערנען, וואספארא 'עולם הזה' וועט איר האבן? דיין לעבן איז דאך קיין לעבן נישט, אן די תורה הקדושה! – דעריבער ביטע לאז די ישיבה אין לעיקוואד זיך אליין אן עצה געבן און טרעפן א וועג ארויס פונעם פלאנטער, אבער דיין תורה לאז נישט אפ אפילו פאר איין טאג!

[שיחה פרטית – ט' טבת תשע"ב]


על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרה"ח רבי משה רייך זצ"ל בן הר"ר שמואל רפאל זצ"ל נלב"ע י"ז אייר ת.נ.צ.ב.ה

לע"נ רבי שבתי זצ"ל בן הגה"ק רבי גמליאל הכהן זצ"ל נלב"ע ח' שבט תשל"ו תנצב"ה.

לעילוי נשמת איש החסד הרב פנחס גרשון ב"ר אברהם זצ"ל לבנברג נלב"ע ט' אייר תשע"ז ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הרב יחיאל מאיר ז"ל בן הרב אברהם עקשטיין ז"ל נלב"ע י"ב טבת תשס"ח ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו ת.נ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321 גרפצ'יק

קשת הרשת מיתוג, יח"צ וקידום מכירות 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173